אבער לאנשים כערכינו, וואס קוקן אין שו"ע, עאכו"כ וואס לערנען דעם שו"ע, עאכו"כ אז מ'לערנט דאס אז עס זאל זיין ללמוד וללמד, ע"מ לשמור לעשות ולקיים, כאמור, איז דאס א פס"ד ברור אין שו"ע, אז מצוה שהזמן גרמא, אפילו סתם מצוה שהזמן גרמא, איז דאס דוחה חפציך ולא חפצי שמים בלשון הגמ', ביז ווי דער פס"ד וואס דברה תורה כלשון בנ"א אז דאס איז דוחה.

און דעמאלט ווערט דערנאך די כל ענינים טובים, און אויך הצלחה מרובה, אין דעם לימוד התורה שלאח"ז, נאך דערויף וואס ער האט מקיים געווען די מצוה שהזמן גרמא,

און דעאמלט ווער דער סדר פון "ויסעו", אז מ'גייט אוועק פון די הנחות וואס מ'האט געהאט ביז איצטער, ווארום אין לך דבר העומד בפני התשובה, און וואו איז געהאלטן מיט א רגע פאר דעם, האט ער דעם כח, און הקב"ה עוזרו, אז בשעתא חדא און ברגעא חדא, כאפט ער זיך און היילט זיך.

און זעט די אלע וואס ביז איצטער האט ער רח"ל אראפגעפירט פון וועג, זוכט ער זיי און ער איז זיי מסביר אז דבריכ שאמרתי לפניכם, ווי א גרויסער אמורא האט דאס געזאגט, און דערנאך האט דאס תורה ארייגגעשטעלט אין תושבע"פ אלס א הוראה נצחית, אז אין וואס באשטייט די גרויסקייט, אז ער האט ביי זיך די גרויסקייט און זאגט דאס אפן, און זאגט דאס פארקערט, אט דאס איז זיין וועג אין לימוד התורה, אז דברים שאמרתי לפניכם טעות הוא בידי, ווארום ער האט דערזען דעם ענין אין שו"ע, איז ביים אים קיין ספק ניט, או ער הייסט אלעמען אז מכאן ולהבא דארף מען טאן אין אן אופן פון "ויסעו".

און מ'גייט דעמאלט בנערינו ובזקנינו בבנינו ובבנותינו, ווארום מ'גייט צוזאמען מיט דער תורה וואס זי מאכט פון אלע אידן איין זאך, און מאכט איין זאך פון זיי צוזאמען מיט חלקם בעולם, כספם וזהבם איתם, ביז וואנעט ונצלתם את מצרים, מ'נעמט ארויס אלע ניצוצות קדושה גאנצערהייט, בכל מקום שהם.

און מ'גייט מקבל זיין פני משיח צדקנו, און אין אן אופן ווי מ'זאגט אין דעם סדרה פון דער וואך אין דעם שיעור וואס מ'האט געלערנט ערב יום ההילולא, ובני ישראל יוצאים ביד רמה.

מקבל זיין פני משיח צדקנו במהרה בימינו ממש.

ו. צוה לנגן ואמר מאמר ד"ה באתי לגני (הוגה ע"י כ"ק אדמו"ר שליט"א וי"ל בקונטרס בפ"ע).

ז. עס איז דאך אויך, ווי ס'איז ידוע פון די תקנות פון בעל ההילולא, בנוגע צו די שיעורים בתורה הידועים והקרואים, וואס עס איז שוין אויך אפגעדרוקט, וואס ר"ת חת"ת, חומש תהלים און תניא, דער שיעור אין חומש בפרשת השבוע, ביום ראשון פון התחלת הסדרה ביז שני, ועד"ז ביום שני ביז שלישי, ועד"ז בשאר ימות השבוע.

עד"ז אין תהלים ווי ער איז נחלק לימי החודש, ועד"ז אויך אין תניא, ווי דער בעל ההילולא האט דאס פאנאנדער געטיילט אויף ימות השנה, אויף אנהויבן דאס בי"ט כסלו, און דערנאך פארענדיקן דאס בי"ח כסלו שלאח"ז, ווי שוין גערדוקט און גערעדט בכ"מ בארוכה וכל הפרטים שבדבר.

וואס דאס איז דאך בכל שנה ושנה אזוי, עאכו"כ ווען ס'איז דא דער "ויהי בשלשים שנה", בדוגמא ווי ער זאגט אין יחזקאל, אז בשעת עס האט זיך געענדיקט די שלשים שנה איז געווען א דבר נפלא שלא בערך ענינים שלפנ"ז, ובפרט נאך ווי דער צ"צ ברענגט בדרושים שלו אין הערות צו תניא, און אין אוה"ת ובכ"מ, און אויך ביוסד און פארבונדן דערמיט וואס ער זאגט אין עבודה"ק און אין שערי אורה, אז

דאס איז שלשים שנה איז נאך דערויף הויבט זיך אן א תקופה חדשה שלא בערך למעליותא, און ס'איז מעלין בקדש.

פארבונדן אויך מיט שלשים שנה ווי דער אפטייטש פון דעם - שנה מלשון שינויים, וואס בכל שנה ושנה בפני עצמה איז דאך דא כל שינויים האפשריים במשך פון י"ב חדשי השנה, וואס יעדער שינוי פון די ששה ענינים וואס ער רעכנט אויס פון קור וחום און יום ולילה און זרע וקציר לא ישבותו, און ווי די גמ' זאגט אין ב"מ אז יעדער ענין פון זיי האט ב' חדשים, צוזאמען י"ב חדשים, וואס דאס איז כולל אלע שנויים האפשריים אין דעם לא ישבותו, אין הנהגת העולם.

און דערפאר אז ס'הויבט זיך אן א שנה חדשה נאך די י"ב חדשים, ווערט דאס אנגערופן שנה, דאס איז מערניט ווי איבער געחזר'ט נאכאמאל די פארשידענע ענדערונגען וואס עס איז שוין געווען אין די י"ב חדשים שלפנ"ז.

נאר וואדען מ'ווייס דאך ווי ער זאגט אין אגה"ק, אז מידי שנה בשנה איז דא אן עלי', איז דאס טאקע די זעלבע חילוקים פון זרע וקציר און קור וחום ויום ולילה, איז דאך פונדעסטוועגן שטייען זיי אלע אין א העכערן אופן.

וואס דאס איז מידי שנה בשנה, אעפ"י וואס חזר'ט זיך איבער איז דאס בכללות, אבער אין דעם איבערחזר'ן איז דאס אויף א העכערן אופן, דערנאך איז דא ווי דאס איז אין שלשים שנה, בשעת מ'גייט דורך א תקופה פון דרייסיק יאר, איז דעמאלט ווערט גאר א שינוי און אן עלי' אין אן אופן נפלא.

וואס ע"ד ווי דאס איז אזוי אין די שלשים שנה בחיים חיותו בעלמא דין, ווי געועדט בארוכה אין די דעמאלטדיקע פארברייינגען, וואס דעמאלט איז דאך בפשטות בשעת פטירתו, איז כל עמלו אשר עמל בכלל, ובפרט אין די שלשים שנות הנשיאות, שטייען זיי דעמאלט ווי זיי זיינען בשרשם ומקורם, און זיי קומען אראפ למטה, און איז פועל ישועות בקרב הארץ.

עד"ז ווי גערעדט כמה פעמים אז יש בגר בקבר, אז עס איז דא די עלי' בזמנים לאחרי ההסתלקות, און ווי פארשטאנדיק פון די סיפורים פון בעל ההילולא בנוגע צו קאפיטל פ"ד פון דעם רבי'ן נ"ע פון זיין פאטער, אז דעמאלט איז ער אויך געווארן עלטער מיט צוואנציק יאר, דערפאר האט מען געזאגט דעם קאפיטל תהלים המתאים, כאטש אפילו דאס איז געווען לאחרי ההסתלקות פון זיין פאטער, דערפאר וואס א יאר קומט צו אויך א יאר ווי די נשמה שטייט למעלה.

וואס דאס איז דאך אויך מבואר, אז דערפאר טוט מען די אלע ענינים פון יארצייט אעפ"י וואס עס איז שוין דורכגעגאנגען כמה זמן, ניט נאר דערפאר וואס דאס איז נוגע צו די וואס געפינען זיך למטה, א ענין של תשובה, נאר מ'זאגט אויך כמורגל בפי די בנ"י אז דאס איז אן עלי' פאר דער נשמה, און א זכות פאר דער נשמה וואס זי געפינט זיך בעולמות העליונים, איז ער אויך מידי יארצייט ביארצייט עולה מיט אן עלי' נוספת, וואס דאס איז כאמור מידי שנה בשנה.

דערפון איז אויך פארשטאנדיק בדוגמת זה אז עס גייט דורך שלשים שנה אין די עולמות העליונים ווערט אויך דעמאלט א שינוי שלא בערך, א שינוי נפלא לגבי די עליות און די יארצייט'ן מידי שנה בשנה.

יעדער ענין אין תורה און בפרט פארבונדן מיט נשיאים, וואס לא יעזוב את צאן מרעיתו, איז דאך פארשטאנדיק אז דאס דארף אראפקומען אין די הנהגה און אין דעם מעשה בפועל פון זרעו בחיים צאן מרעיתו, איז דערפון אויך פארשטאנדיק אז אין די אלע ענינים וואס זיי זיינען געווען עמלו אשר עמל בו במשך ימי חייו, דארף צוקומען ביי זרעו און ביי תלמידיו און ביי תלמידי תלמידיו, און די וואס וועלן ווערן מכאן ולהבא תלמידי תלמידיו, וויבאלד אז עס איז דורכגעגאנגען שלשים שנה, אלערליי שינויים וואס איז בשנה אחת, און דערנאך איז יעדער שינוי פון זיי קומט

צו די מעלה אז דאס איז דער שלשים שנה פון יעדער שינוי ד.ה. אז אין יעדער שינוי און פרט וואס איז דא אין יעדער שנה ושנה איז דא אן עלי' פון שלשים.

און ווי דער צ"צ פארבינדט דאס אז דאס איז כולל עשר אורות פנימיים און עשר אורות מקיפים, און עשר אורות וואס זיי זיינען למעלה ממקיף ופנימי, מיט נאך כמה פרטים ווי ער רעכנט דאס אויס, ביז אויך עס קומט ווי דאס איז למטה אין מחדו"מ.

איז דערפון אויך פארשטאנדיק בנוגע צו דעם הידור און צו דעם קאכן זיך בנוגע צו חת"ת, דערפון אויך פארשטאנדיק בכל המוסדות וואס זיי זיינען נתייסד געווארן דורך בעל ההילולא, אדער נתייסד געווארן שפעטער, ע"י זרעו בחיים ומתנהלים ברוחו ע"פ תורתו וע"פ שיטתו.

כולל אויך אין דעם ענין וואס איז איינגעפירט אויך אין דעם יום ההילולא, מ'זאל מאכן א מגבית אויף קרן הורה, וואס פון איר גיט מען פאר די וואס זיי לערנען הורה לשמה, אן קיינע כוונות, אפילו ניט קיין כוונות של קדושה, אדער זייטיקע כוונות - ניט דער ענין פון תורה בפני עצמה, וכל המרבה ומוסיף מוסיפין לו.

און דער וואס וויל קען אנשרייבן אין א פתקה בפני עצמה שמו ושם אמו, כדי צו לייגן די פתקה, אדער לייגען די פתקה, אויפן ציון פונעם בעל ההילולא בעת רצון.

און ויהי רצון, אז בקרוב ממש זאל מען זוכה זיין אויסנוצן דעם גלות, וואס כל הגלויות - כאמור לעיל - איז דאך נקראו ע"ש מצרים, במילא איז דאס פארבונדן מיט פרעה, אז אזוי ווי דעמאלט איז געווען "כימי צאתך מארמ"צ איז געווען "בשלח פרעה" אז פרעה האט מיטגעשיקט, און בסתר געווען מוסר געווען, און מרבה געווען כמה וכמה כורים אויף יעדער ענין וואס מ'האט איינגעזייט במשך זמן הגלות, און דאס איז נאך געווען נאך זייענדיק אין גלות האט מען שוין באקומען די כלי כסף וכלי זהב, און די שמלות מיט כל הענינים, ביז אין אן אופן פון ונצלתם.

זאל דאס אזוי זיין אין די לעצטע טעג פון גלותינו עתה, ביי כאו"א בעבודתו, און מ'זאל מיטנעמען די אלע ענינים ווי זיי זיינען ברוחניות, ואין ענין יוצא מידי פשוטו די אלע ענינים ווי זיי זיינען בגשמיות וכספם וזהבם אתם.

און די וואס דאגה'נען זיך וועגן רווחים, און גרויסע רווחים, זאל זיי דער אויבערשטער אראפנעמען די דאגות דורך דעם וואס ער וועט זיי געבן רווחים ווי זיי ווילן.

איינער שרייבט מיר הונדערטער טויזנטער דאלארן, איז א איד האט א השגה אויף ריבי רבבות, וואס ע"פ פשטות ריבי רבבות זיינען נאר דער טייטש א רבבה, ניט נאר דער טייטש א צען טויזנט, נאר דאס איז א ריבוי גדול, אבער רבי רבבות אפילו בפשטות צען טויזנט מיליאן, וואס הונדערט מיליאן איז לכל הדעות מערער ווי הונדערטער טויזנטער.

אבער בכ"א ס'דארף דאך זיין די התחלה מן המועט אל המרובה, זאל זיי דער אויבערשטער געבן פריער הונדערטער טויזנטער דאלארן, און דערנאך וועלן זיי זיך ארייננשרייבן אין די קטיגוריא פון די מיליאנערן, אפילו בגלוי, ווארום ווי דער סדר העולם איז, אז מ'פארשרייבט זיך אפיציעל אז מ'איז א מיליאנער איז א סימן אז מ'האט דאס בלשון רבים, ווארום א ניט וואלט ער דאך ניט מגלה געווען כל אשר יש לו, וואס ער האט אוצרות כל הון יקר וואס דאס וויל ער ניט מגלה זיין, כדי שלא תשלוט דער עין בלתי רצוי' פון דער "רעוועניו סערוויס", במילא אז מ'זעט שוין אז ער מוז שוין מגלה זיין אז ער האט צוויי, צוויי מיט א האלבן, אדער ווי געערדט פריער רבי רבבות - צען מיליאן, איז א סימן אז ער האט כמה פעמים ככה.

און דער עיקר פארנוצן דאס אויף געזונטע זאכן און פרייליכע זאכן, אויף ענינים של תורה ומצותי', ביז וואנעט אז מ'וועט זוכה זיין, ווי דער רמב"ם איז מסיים ספרו, אז ס'וועט זיין א ריבוי מעדנים, ביז וואנעט אז די מעדנים וועלן נחשב ווערן כעפר, און אין וואס וועט מען ליגן און מ'וועט זיך קאכן, אין לידע דעת בוראם, און ברייננט אויף דערויף שנאמר ומלאה הארץ דעה את הוי' כמים לים מכסים ובמהרה בימינו ממש.

ציוה לנגן: עוצו עצה, הושיעה את עמך, פרזות תשב ירושלים, כ"ק אד"ש ניגן צמאה לך נפשי.

ח. איצטער, פון די אלע מבצעים און פון די אלע פארברייננגענישן און א גאנצן רעדן און החלטות טובות - זאל בקרוב ממש קומען דער "מבצע" האמיתי והכי גדול פון גאולה האמיתית והשלימה ע"י משיח צדקנו.

וואס דער אויבערשטער אליין וועט מלקט זיין, כמאמר הכתוב, מקרא מלא דיבר הכתוב, "ואתם תלוקטו לאחד אחד בית ישראל".

און פירן, דער אויבערשטער אליין, יעדערן פון זיי, און זיך אליין, "ושב הוי' אליקך את שבותך וריחמך גו' והרבך מאבותיך".

בקרוב ממש, בביאת משיח צדקנו.

אח"כ אמר: די וואס דארפן מאכן א ברכה אחרונה - וועלן זיכער מאכן א ברכה אחרונה.

טרם צאתו התחיל לנגן "כי בשמחה תצאו וגו'".

* * *